NEW

# לקוטי שיחות

DEVARIM דברים

VOLUME 2, P. 357-363

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# DEVARIM I | דברים א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Chazon,* 5715 (1955)

## Introduction

Throughout Jewish history, our people have faced situations where their changing circumstances eroded their spiritual awareness. The Torah's account of the Jewish people's transition from their journeys in the desert – where they experienced direct Divine revelation – to settling *Eretz Yisrael* and being forced to adapt to the day-to-day realities of material existence reflects a struggle we all face: How do we maintain spiritual consciousness when engaging with a world that seems indifferent to that entire mindset?

The Rebbe delivered this teaching to a generation in the midst of a similar transition. His listeners had left the spiritually saturated environment of Eastern Europe for America, where material success often overshadowed – and continues to overshadow – Torah values. Many felt spiritually challenged, questioning whether they would be able to maintain their Jewish identity and their previous level of Torah observance while experiencing a descent into a more materialistic culture.

*Shabbos Chazon,* the *Shabbos* of Vision, offers a startling perspective on this issue. The very descent that appears to distance us from G-dliness may actually be the key to achieving our ultimate purpose. Just as the generation entering *Eretz Yisrael* began a sequence leading to the building of the *Beis HaMikdash,* our engagement with the material world can become the vehicle for transforming this world into a dwelling place for the Divine.

# The *Shabbos* of Vision

## The Paradox – Descent and Ascent

**1.** This *Shabbos* is called ***Shabbos Chazon*, the *Shabbos* of Vision.** This prompted **the holy Rebbe, Rav Levi Yitzchak of Berditchev,** to **teach**[1] **that** the name *Shabbos Chazon* implies that, at this time, we **are shown** a vision of **the Third *Beis HaMikdash*, even if** only **from a distance.**

His insight **enables us to understand the connection between *Shabbos Chazon* and *Parshas Devarim*, which is always read on *Shabbos Chazon*.**

**This Torah portion begins** the *chumash*[2] of that name, which is also called ***Mishneh Torah***.[3] **Although the entire Torah is one whole, *Mishneh Torah* differs from the previous *chumashim***[4] **in that *Mishneh Torah* was spoken** by Moshe **to the generation that entered *Eretz Yisrael*. Therefore, it was necessary to clarify certain matters that did not need to be emphasized previously.**

**The difference between the generation of the wilderness and the generation that entered *Eretz Yisrael* is that the generation of the wilderness was a generation of knowledge;**[5] to a certain degree, its members **were on a level** similar to **that of Moshe, whose relationship with G-d involved sight. By contrast, the generation that**

**א.** וועגן הַיְינְטִיקְן שַׁבָּת (שַׁבַּת חֲזוֹן), אִיז פַאראַן אַ וואָרְט[א] פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשֶׁעווֶער נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, אַז בְּשַׁבַּת חֲזוֹן ווַייְזְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי - חֲזוֹן מִלָּשׁוֹן רְאִיָּה, - נָאר דָאס אִיז אַ זֶען פוּן דֶערְווַייטְנְס - רְאִיָּה מֵרָחוֹק, - וואָס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן שַׁבַּת חֲזוֹן.

לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן שַׁבַּת חֲזוֹן צוּ פַּרְשַׁת דְבָרִים, וואָס דִי קְבִיעוּת פוּן שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז אַלֶעמָאל פַּרְשַׁת דְבָרִים.

מִיט פַּרְשַׁת דְבָרִים הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִשְׁנֵה תּוֹרָה. וואָס כָאטשׁ עֶס אִיז דָאךְ אֵיין תּוֹרָה, דָאךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ[ב] מִשְׁנֵה תּוֹרָה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע חוּמָשִׁים דֶערְמִיט, וואָס מִשְׁנֵה תּוֹרָה אִיז גֶעזָאגְט גֶעווָארְן צוּם דוֹר וואָס אִיז אַרַייְנְגֶעגַאנְגֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעדַארְפְט בַּאווָארֶענֶען גֶעווִיסֶע עִנְיָנִים, וואָס פְרִיעֶר הָאט מֶען זֵיי נִיט גֶעדַארְפְט בַּאווָארֶענֶען.

דֶער חִילוּק פוּן דוֹר הַמִּדְבָּר און דֶעם דוֹר שֶׁנִכְנְסוּ לָאָרֶץ אִיז, וואָס דוֹר הַמִּדְבָּר אִיז גֶעווֶען אַ דוֹר דֵעָה[ג] און זֵיי זַיְינֶען גֶעווֶען אִין דֶער מַדְרֵיגָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וואָס עֶר הָאט גֶעהַאט רְאִיָּה אִין אֱלֹקוּת.

---

1. See the *Tzemach Tzedek's Reshimos* on *Eichah*, p. 45 (*Or HaTorah, Nach*, Vol. 2, p. 1097).

2. The word chumash (חומש) – which literally means "a fifth" – is used to refer to one of the five books of the Torah, which are collectively known as the Five Books of Moses.

3. That name means "the review of the Torah," i.e., it communicates Moshe's addresses to the Jewish people beginning slightly more than a month before his death where he reviewed the Torah for the people.

4. See *Megilah* 31b; *Likkutei Torah, Bamidbar*, p. 17c, and the sources cited there.

5. *Pesikta, Parshas Parah*, sec. 14:9; *Likkutei Torah, Bamidbar*, p. 37b.

6. *Devarim* 4:1. See *Likkutei Torah,*

**entered** ***Eretz Yisrael*** **had to deal with material concerns. Consequently, they did not experience direct perception of G-dliness. Their** connection with G-d **was** only on the level of **hearing, as it is written,**[6] **"And now, Israel, listen..."**

**The difference between vision and hearing**[7] **is that when a person sees something,** the impact it **creates on him is unshakeable.** There are **no limits, constraints, or boundaries. Nothing can** affect him to the point where **he would develop doubts about the matter since he saw it** with his own eyes. **By contrast, when a person hears something,** the impression is not as strong. **Although at that moment, what he hears is** firmly **established within him, nevertheless,** when **a question** is raised, **the matter can be** challenged and even **refuted. This proves that even** initially, **when the matter impacted him, the** extent of the impact **was limited.**

**Therefore, in** the *chumash* of *Devarim*, ***Mishneh Torah*****, when speaking to the generation that entered** *Eretz Yisrael* **– whose relation to G-d was only on the level of hearing –** Moshe had to alter his focus. He **had to teach that generation about the concept of self-sacrifice and similar matters,** ideas **which the generation of the wilderness** understood naturally, without being **told.** The ideas were evident to them without the need for any **clarification.**

Conversely, **although the generation that entered** ***Eretz Yisrael*** **was less** spiritually sensitive **than the generation of the wilderness, they possessed an advantage that the generation of the wilderness did not possess. For this reason, the generation of the wilderness was** told,[8] **"For you have not yet come to the resting place and the inheritance...." This refers to Shiloh and Jerusa-**

אָבֶּער דֶער דוֹר שֶׁנִּכְנְסוּ לָאָרֶץ, וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט צוּ טָאן מִיט גַּשְׁמִיוּת, הָאט בַּיי זֵיי בְּמֵילָא גֶעפֶעלְט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן רְאִיָּה אִין אֱלֹקוּת. בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען מֶער נִיט ווִי שְׁמִיעָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל שְׁמַע וגו׳[ד].

דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן רְאִיָּה אוּן שְׁמִיעָה אִיז[ה], אַז בְּשַׁעַת מֶען זֶעט אַ זַאךְ אִיז דָאס בְּלִי גְבוּל, אִין דֶעם אִיז נִיטָא קֵיין מְצָרִים וְהַגְבָּלוֹת, דָאס הֵייסְט אַז קֵיין עִנְיָן וֶועט אִים נִיט רִירְן פוּן אָרְט אַז בַּיי אִים זָאלְן ווֶערְן סְפֵיקוֹת אִין דֶער זַאךְ, ווִיבַּאלְד אַז עֶר אַלֵיין הָאט עֶס גֶעזֶען. אָבֶּער שְׁמִיעָה, אַז מֶען הֶערְט אַ זַאךְ, אִיז כָאטשׁ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה ווֶערְט דֶער עִנְיָן וָואס עֶר הֶערְט אָפְּגֶעלֵייגְט בַּיי אִים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דוּרְךְ אַ קַשְׁיָא, קֶען בַּיי אִים דֶער עִנְיָן אָפְּגֶעפְרֶעגְט ווֶערְן. וָואס דָאס בַּאווַיְיזְט, אַז אוֹיךְ בְּשַׁעַת דִי זַאךְ אִיז בַּיי אִים יָא אָפְּגֶעלֵייגְט אִיז דֶער עִנְיָן בַּיי אִים אַ בַּאגְרֶענֶעצְטֶער.

דֶערְפַאר אִיז אִין מִשְׁנֵה תּוֹרָה, וָואס עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן צוּם דוֹר שֶׁנִּכְנְסוּ לָאָרֶץ, וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען מֶער נִיט ווִי מַדְרֵיגַת שְׁמִיעָה אִין אֱלֹקוּת, הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט אָנְזָאגְן אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ וְהַדוֹמֶה, וָואס דֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר הָאט מֶען דָאס נִיט גֶעדַארְפְט אָנְזָאגְן אוּן בַּאוָוארֶענֶען.

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, כָאטשׁ דֶער דוֹר שֶׁנִּכְנְסוּ לָאָרֶץ אִיז גֶעוֶוען נִידֶערִיקֶער פוּן דֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר, אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען אַ מַעֲלָה וָואס אִיז נִיט גֶעוֶוען בַּיי דֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר. דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָאךְ בַּיי דֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר[ו]: כִּי לֹא בָאתֶם עַד עָתָּה אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה וגו׳, וָואס דָאס

---

*Devarim*, p. 3c-d, which states that the level of "sight" that Moshe imparted to the generation that entered *Eretz Yisrael* was only a vision from a distance.

7. The series of *maamarim* entitled *Vechachah, 5637*, ch. 33, *et al.*

8. *Devarim* 12:9.

**lem,**[9] places that the Jews conquered **after they had already** settled ***Eretz Yisrael.***

This advantage stems from the fact **that through the descent itself – when they began to occupy themselves with material concerns,** which required their spiritual **level** to be **lowered** – made it possible to **bring about the ultimate intent: the building of** the Sanctuary in Shiloh and later the *Beis HaMikdash* in Jerusalem, which is **"the resting place [of G-d] and [His] heritage."**

**It follows that the concept of *Shabbos Parshas Devarim* – when** we **begin** reading ***Mishneh Torah* – points to a synthesis of two opposing motifs: a) It represents a great descent,** but **b) specifically through this descent,** we are able to achieve **a true ascent.**

**The same concept applies to *Shabbos Chazon*, which contains both contradictory aspects: On the one hand, it falls during the Nine Days**[10] **– indeed, it falls on the *Shabbos* before Tishah BeAv, the anniversary of the destruction of** the *Beis HaMikdash*. **On the other hand, it is specifically through this descent that the ultimate ascent will occur. As mentioned, the holy Rebbe, Rav Levi Yitzchak of Berditchev,** taught that **on *Shabbos Chazon,*** we **are shown the Third *Beis HaMikdash*, which will be loftier than the previous ones**[11] **– may it be built by *Mashiach* speedily in our days.**

**אִיז גֶעוועֶן אִין שִׁילֹה אוּן יְרוּשָׁלַיִם**[ז]**, נָאךְ דֶעם ווִי זֵיי זַיְינֶען שׁוֹין אַרַיְין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַּוְקָא.**

**דֶער טַעַם אִיז, ווַיְילֶע דוּרְךְ דֶער יְרִידָה גוּפָא, ווָאס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טָאן מִיט דְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים בִּירִידַת הַמַּדְרֵיגוֹת, דַּוְקָא דוּרְךְ דֶעם פִּירְט זִיךְ אוֹיס דִי אֲמִתִּית הַכַּוָּנָה, דֶער בִּנְיָן מְנוּחָה וְנַחֲלָה.**

**קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִנְיָן פוּן שַׁבָּת פַּרְשַׁת דְּבָרִים, דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן מִשְׁנֵה תּוֹרָה, ווַיְיזְט אוֹיף אַ פַּארְאֵיינִיקוּנְג פוּן צְווֵיי עִנְיָנִים הָפְכִיִּים: א) עֶס אִיז אַ יְרִידָה גְדוֹלָה. ב) דוּרְךְ דֶער יְרִידָה - דוּרְךְ דֶעם דַּוְקָא אִיז דִי אֲמִתִּית הָעֲלִיָּה.**

**דֶער זֶעלְבֶּער עִנְיָן אִיז אוֹיךְ שַׁבָּת חֲזוֹן, ווָאס אִין אִים זַיְינֶען פַאַראַן בֵּיידֶע הָפְכִיִּים: פוּן אֵיין זַיְיט אִיז עֶר אִין דִי נַיְין טֶעג, נָאךְ מֶערֶער, דָאס אִיז דֶער שַׁבָּת ווָאס פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב, דֶער זְמַן הַחוּרְבָּן. אָבֶּער פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט, אִיז דוּרְךְ דֶער יְרִידָה דַּוְקָא ווֶעט זַיְין דֶער תַּכְלִית הָעֲלִיָּה, ווִי גֶעזָאגְט בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ הָרַב לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטשֶׁעווֶער נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, אַז שַׁבָּת חֲזוֹן ווַיְיזְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי, ווָאס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע, יִבָּנֶה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.**

(משיחות שבת חזון, תשט"ו)

9. ***Megilah* 10a; *Zevachim* 119a; *Talmud Yerushalmi*, *Megilah,* the conclusion of ch. 1. See also *Zohar,* Vol. II, pp. 241a, 242a.**

10. The nine-day period of national mourning starting on the 1st of Menachem Av and culminating in Tishah BeAv.

11. *Chaggai* 2:9, as interpreted by the *Zohar,* Vol. I, p. 28a, Vol. III, p. 221a.

א) זע רשימות הצמח צדק לאיכה עמוד 45 (אוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'צז).

ב) זע מגילה לא, ב. לקוטי תורה במדבר יז, ג. ושם נסמן.

ג) זע לקו"ש ח"ב עמוד 329 הערה 18.

ד) דברים ד, א. זע לקוטי תורה אָנפאַנג פרשת ואתחנן: די מדריגת ראיה וואָס משה רבנו האָט גע'פועל'ט אויך אין דעם דור שנכנסו לארץ, איז דאָס געוועזן מער ניט ווי ראיה מרחוק וכו'.

ה) וככה תרל"ז פרק לג. ובכמה מקומות.

ו) דברים יב, ט.

ז) מגילה י, א. זבחים קיט, א. ירושלמי מגילה סוף פרק א. זע אויך זהר חלק ב רמא, א. רמב, א.

# DEVARIM II | דברים ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Mattos-Maasei,* 5715 (1955)

## Introduction

Many Jewish communities observe *Shabbos Chazon* with a subdued spirit, allowing the mourning practices of the Nine Days to diminish the joy that should characterize every *Shabbos*. The proximity to Tishah BeAv, the anniversary of the destruction of the *Beis HaMikdash,* casts a shadow over their observance of the day of Divine rest and delight.

In this *sichah,* the Rebbe challenges this practice, arguing that *Shabbos Chazon* should actually be celebrated with extraordinary joy – greater even than ordinary *Shabbasos.* In doing so, he does not merely encourage a change, he explains the motivating reason: redemption will emerge from exile.

The very name *Shabbos Chazon*, the "*Shabbos* of Vision," invites this understanding. While we mourn the destruction that brought us to this moment, we also catch a glimpse of the Third *Beis HaMikdash*. This paradox is a springboard to a further concept: Although the exile in which we live represents a descent, it contains the seeds that will lead to the transformation of the world, bringing about the Ultimate Redemption.

# A Catalyst for Transformation

## What *Shabbos* Joy Can Accomplish

**1. We have previously discussed**[1] **the fact that the sadness of** ***bein hameitzarim***[2] **should not affect** ***Shabbos*****, because** ***Shabbos*** **must be characterized by joy.**[3] **Moreover, this** particular ***Shabbos*** **should contain even greater joy than other** ***Shabbasos*****, so that there should be no concern that** there be a **lack of joy stemming from** the mourning associated with ***bein hameitzarim*** (literally, **"between the straits,"** the three weeks between the fasts of 17 Tammuz and Tishah BeAv).

**The inner explanation of this matter is as follows:** ***Shabbos*** **is a foretaste of the World to Come – "the day that will be entirely** ***Shabbos*****."**[4] **The Future Redemption will be** so encompassing **that no trace of the exile will remain. Therefore, on** this ***Shabbos*** **as well, none of the elements of** *bein hameitzarim* that reflect mourning are appropriate.

The above, **however, merely explains why** ***Shabbos*** **should not contain elements that run contrary to joy.** Nevertheless, as mentioned, **this** ***Shabbos*** **should be characterized by greater joy than other** ***Shabbasos*****. The** motivation for the additional joy **is** as follows:

**As is well known, a redemption that follows exile** elevates the Jews **to a higher state than before the exile. Were** the redemption after the descent into exile to result in merely a return to their **pre-**

א. מֶען הָאט שׁוין אַמָאל גֶערֶעדט[*ז] וועגן דֶעם וואָס דֶער עִנְיָן הָעַצְבוּת פוּן בֵּין הַמְּצָרִים דַארְף נִיט זַיְין אוּם שַׁבָּת, ווַיְיל שַׁבָּת דַארְף זַיְין שִׂמְחָה[ח]. אוּן נָאךְ מֶערֶער, אַז דֶעם שַׁבָּת דַארְף זַיְין דִי שִׂמְחָה נָאךְ מֶער ווִי אִין אַן אַנְדֶער שַׁבָּת, בִּכְדֵי עֶס זָאל נִיט זַיְין קֵיין חֲשַׁשׁ אַז דֶער הֶעְדֵר הַשִּׂמְחָה קוּמְט מִצַד דֶעם עִנְיָן פוּן בֵּין הַמְּצָרִים.

דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם בִּפְנִימִיוּת הָעִנְיָן אִיז: שַׁבָּת אִיז מֵעֵין דְּלֶעָתִיד לָבוֹא, יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת, אוּן ווִיבַּאלְד אַז לֶעָתִיד ווֶעט דָאךְ זַיְין דִי גְאוּלָה בְּאוֹפֶן אַז עֶס ווֶעט נִיט בְּלַיְיבְּן קֵיין רוֹשֶׁם פוּן דֶעם גָלוּת, דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ בְּשַׁבָּת דַארְף נִיט זַיְין דֶער עִנְיָן פוּן בֵּין הַמְּצָרִים.

דָאס אִיז דָאךְ אָבֶּער מֶער נִיט ווִי אַ בִּיאוּר אוֹיף דֶעם וואָס שַׁבָּת דַארְפְן נִיט זַיְין דִי עִנְיָנִים פוּן הֵיפֶּךְ הַשִּׂמְחָה. דֶער בִּיאוּר אוֹיף דֶעם וואָס דֶעם שַׁבָּת דַארְף דִי שִׂמְחָה זַיְין מֶערֶער פוּן אַן אַנְדֶער שַׁבָּת, אִיז:

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דִי גְאוּלָה וואָס נָאכְן גָלוּת בְּרֶענְגְט צוּ אַ הֶעכֶערְן מַצָב ווִי סְ'אִיז גֶעווֶען פַארְן גָלוּת.

---

1. **See** ***Likkutei Sichos*****, Vol. 4, p. 1090ff.**

2. Also known as the Three Weeks, the period of national mourning between the Seventeenth of Tammuz and Tishah BeAv.

3. ***Tosafos*****,** ***Mo'ed Kattan*** **23b, s.v.** ***man de'amar*****, based on** ***Talmud Yerushalmi*****,** ***Berachos*** **2:7. See** also *Talmud Yerushalmi, Megilah* 1:4; ***Sifri*****,** ***Bamidbar*** **10:10;** ***Halachos Gedolos, minyan hamitzvos, et al.***

4. Mishnah, *Tamid* 7:4, which states "On *Shabbos* **they would recite** [Psalm 92, beginning]: 'A psalm, a song for *Shabbos* day.' [This is interpreted as] a psalm, a song for the future, for the day that will be entirely *Shabbos* and rest for eternity."

**vious state, the exile would not have served any purpose at all.** To extrapolate from **the concept of "destroying for the sake of the building"** that applies regarding the forbidden labors of *Shabbos:* **the building that follows the destruction** must be **greater than the one that preceded the destruction.**

**This principle applies to every redemption from exile; after the redemption,** the Jews' state **is loftier than it was before the exile. This is true even of a redemption that is followed by another exile, such as the Exodus from Egypt.** Even that redemption brought the Jews to **a more elevated** state **than** their state **before the exile.**

**During exile,** Jews **refine the sparks** of G-dliness embedded within the world's material substance. This achievement elevates them to a loftier state – and **that** elevation **is the purpose of exile.**

**How much more so** does this motif apply **when speaking of the Future Redemption, which will be a complete and true redemption that will never be followed by exile. It is certain that through this redemption, an entirely new light will be revealed – resulting in a new state of being, one** so superior **that exile will be entirely impossible.**

**Before the exile, this light did not exist, as evidenced by the fact that exile occurred afterward. However, through the** Future **Redemption, such an entirely superior** state of being **will be drawn down, one that will not allow any possibility for the existence of exile.**

***Shabbos*** **is a foretaste of the World to Come – "the day that will be entirely *Shabbos*."** This receives great emphasis on a *Shabbos* **during** *bein hameitzarim.* **Therefore, this** particular ***Shabbos*** **must be characterized by extraordinary joy, for this *Shabbos* endows us with transformative power,** enabling us **to transform the** days of *bein hameitzarim* **into** days of **gladness and joy. The revelation of the future light** manifest on this *Shabbos* – a light **that entirely transcends the concept of exile and redemption – has**

וָוארוּם אוֹיבּ עֶס זָאל זַיְין דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִי פְּרִיעֶר, דַארְף מֶען דָאךְ אִין גַאנְצְן נִיט הָאבְּן דֶעם גָלוּת. וּכְיָדוּעַ בְּעִנְיַן סוֹתֵר עַל מְנָת לִבְנוֹת, אַז דֶער בִּנְיָן שֶׁאַחֲרֵי הַסְתִירָה אִיז הֶעכֶער ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם הַסְתִירָה.

דָאס אִיז בִּכְלַל וֶועגְן יֶעדֶער גְאוּלָה פוּן אַ גָלוּת, אַז נָאךְ דֶער גְאוּלָה אִיז הֶעכֶער ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְן גָלוּת, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַזַא גְאוּלָה שֶׁיֵּשׁ אַחֲרֶיהָ גָלוּת, אַזוֹי ווִי גְאוּלַת מִצְרַיִם, אִיז דָאס הֶעכֶער פוּן קוֹדֶם הַגָלוּת, מִצַד דֶעם בִּירוּר הַנִיצוֹצוֹת שֶׁבַּגָלוּת, וָואס דָאס אִיז דִי כַּוָונָה אִין דֶעם גָלוּת.

וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּשַׁעַת עֶס רֶעדט זִיךְ וֶועגְן דֶער גְאוּלָה הָעֲתִידָה, וָואס דָאס אִיז אַ גְאוּלָה שְׁלֵימָה וַאֲמִתִּית שֶׁאֵין אַחֲרֶיהָ גָלוּת. אִיז דָאךְ אַ וַדַאי אַז דוּרְךְ דֶער גְאוּלָה טוּט זִיךְ אוֹיף אַן אוֹר חָדָשׁ לְגַמְרֵי, אַ נַיְיעֶר עִנְיָן, אַזַא עִנְיָן וָואס דָארְטְן אִיז אִין גַאנְצְן נִיט שַׁיָּיךְ קֵיין גָלוּת. וָואס פַאר דֶעם גָלוּת אִיז נִיט גֶעוֶוען דֶער אוֹר, וְהָרַאְיָה אַז עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען שְׁפֶּעטֶער אַ גָלוּת, אָבֶּער דוּרְךְ דֶער גְאוּלָה וֶוערְט נִמְשָׁךְ אַזַא עִנְיָן וָואס אִיז הֶעכֶער אִינְגַאנְצְן, אַז עֶס אִיז נִיט שַׁיָּיךְ מֶער קֵיין גָלוּת.

וּבְמֵילָא אִיז דֶער שַׁבָּת וָואס אִין בֵּין הַמְּצָרִים אִיז זַיְין עִנְיָן אַז עֶר אִיז מֵעֵין לֶעָתִיד לָבוֹא, יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זַיְין דֶעמָאלְט אַ שִׂמְחָה יְתֵירָה, ווַיְיל דֶער עִנְיָן פוּן דֶעם שַׁבָּת אִיז אַ נְתִינַת כֹּחַ צוּ מְהַפֵּךְ זַיְין דֶעם בֵּין הַמְּצָרִים לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה, ווַיְיל דֶער גִילוּי אוֹר דְלֶעָתִיד, וֶועלְכֶער אִיז אִינְגַאנְצְן הֶעכֶער פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן גָלוּת וּגְאוּלָה הָאט עֶר בְּכֹחַ צוּ מְהַפֵּךְ זַיְין

**the potential to transform the** days of *bein ham-eitzarim* **themselves into gladness and joy.**[5]

**This** idea **is also reflected in the ruling of the** ***Shulchan Aruch***[6] **that on** ***Shabbos*** **during** *bein ha-meitzarim*, **one may make a feast** equivalent to the feasts **of** King **Shlomoh at the height of his reign, an era when "the moon shone in its perfection."**[7] **Thus, on this** ***Shabbos*****, we are endowed with the power to transform these days** of mourning **into gladness and joy.**

**דֶעם בֵּין הַמְּצָרִים גוּפָא צוּ שָׂשׂוֹן אוּן צוּ שִׂמְחָה.**

**אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס עֶס וֶוערְט אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ**[ט]**, אַז שַׁבָּת שֶׁבֵּין הַמְּצָרִים מֶעג מֶען מַאכְן אַ סְעוּדַת שְׁלֹמֹה בְּשַׁעְתּוֹ, וָואס בִּימֵי שְׁלֹמֹה אִיז קַיְימָא סִיהֲרָא בְּאַשְׁלִימוּתָא**[י]**. בְּשַׁבָּת זֶה אִיז פַּארַאן אַ נְתִינַת כֹּחַ אַז הַיָּמִים הָאֵלוּ יֵהָפְכוּ לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה.**

(משיחת ש״פ מטו״מ, תשט״ו)

5. See Rambam, *Hilchos Ta'anios* 5:19, based on *Zechariah* 8:19.

6. ***Shulchan Aruch, Orach Chayim*** **552:10.**

7. ***Zohar*****, Vol. I, pp. 150, 223a-b,** ***et al.*** **See also** ***Shmos Rabbah*** **15:26.** Shlomoh's generation was the fifteenth dating back from Avraham. Thus, it represented the moon shining in its fullness. Similarly, at that time, in both a spiritual and material sense, the Jewish people reached the very peak of their development as a nation until that point of history.

ז*) ראה גם לקו״ש ח״ד ע׳ 1090.

ח) תוספות ד״ה מ״ד (מועד קטן כג, ב) מהירושלמי (ברכות פ״ב ה״ז). און זע ירושלמי מגילה פ״א ה״ד. ספרי בהעלותך י, י. בה״ג במנין המצות ועוד.

ט) אורח חיים סימן תקנב סעיף י.

י) זהר חלק א קנ, א. רכג, א־ב. ועוד. זע אויך שמות רבה פרשה טו, כו.

# DEVARIM III | דברים ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Mattos-Maasei,* 5716 (1956)

## Introduction

Among the most perplexing images in Jewish tradition is the sight that greeted the invading armies when they breached the Holy of Holies during the destruction of the *Beis HaMikdash*. Atop the Ark of the Covenant were two golden *keruvim* – cherubic figures – whose position reflected the relationship between G-d and the Jewish people. During a time of Divine favor, when the Jewish people would fulfill G-d's will, the *keruvim* would be positioned "face to face,"[1] "like a man and woman in [intimate] embrace."[2] When they would not fulfill G-d's will – and thus, it was not a time of Divine favor – the position of the *keruvim* would be reversed.

Now, when the invaders entered the *Beis HaMikdash*, they found the *keruvim* bound together in intimate embrace. That defies logic. At the moment of destruction, when the *Beis HaMikdash* was burning and the people faced exile, the *keruvim* should have been turned away from each other, reflecting the broken relationship between G-d and the Jewish people.

Why, then, were they found in an intimate position precisely when that relationship appeared to be severed? This apparent contradiction engenders a revolutionary understanding of exile – one that transforms how we view spiritual distance and Divine love. When we comprehend the essential connection between G-d and the Jewish people, we are able to conceive of any separation between them as temporary, part of a process leading to a deeper bond.

---

1. *Shmos* 25:20, 37:9.

2. *I Melachim* 7:36.

# What the *Keruvim* Teach Us

## The Paradox of the Covenant

**1. The** first **forewarning of the future exile** came at ***Bris Bein HaBesarim*** **(the covenant** G-d made with Avraham**).**[1] **As** our Sages[2] explain, **the wording used by the Torah** in describing that covenant,[3] "**A dread, a great darkness** fell upon him…" **alludes to the four exiles.**

**Making a covenant ensures that regardless of whatever may arise** in the future between the two parties to the covenant – **even when** they have so drifted apart that **there is no foundation or reason for love** and, **on the contrary, there are reasons for the opposite of love**[4] – **the love** that initially existed between them **will remain in force. This is what the making a covenant achieves.**

**During a time when there are reasons for love, there is no need to make a covenant. The result of making a covenant is that the love should continue to exist at all times.** The covenant demonstrates that **the love** between the two **is not a love based on reason or logic.** That would be **a love that is dependent on an** external **factor. Consequently, when that factor would cease to exist** – and then **there would be no reason for love – the love would also cease.**[5] Instead, making a covenant brings to the surface **an essential love that has no bounds.**

**A covenant is established at the time the essential**

א. דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן בְּשׂוּרַת הַגָּלוּת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בִּבְרִית בֵּין הַבְּתָרִים. ווִי עֶס שְׁטֵייט דָארְטְן אֵימָה חֲשֵׁכָה גְדוֹלָה גו'"א, ווָאס דָאס אִיז אַ רֶמֶז אוֹיף דִי פִּיר גָּלִיוֹת.

דֶער עִנְיָן פוּן אַ כְּרִיתוּת בְּרִית אִיז, אַז אִין ווָאס פַאר אַ מַצָּב עֶס זָאל נִיט זַיְין, אֲפִילוּ אוֹיךְ דֶעמָאלְט ווֶען עֶס אִיז נִיטָא קֵיין יְסוֹד אוּן טַעַם אוֹיף אַהֲבָה, אַדְרַבָּה עֶס זַיְינֶען דָא טַעֲמִים אוֹיף הֵיפֶּךְ הָאַהֲבָה, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זָאל זַיְין דִי אַהֲבָה בְּתָקְפָּהּ. דָאס אִיז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן דֶעם כְּרִיתוּת בְּרִית.

אוֹיף אַ זְמַן ווָאס עֶס זַיְינֶען דָא טַעֲמִים אוֹיף אַהֲבָה, דַארְף מֶען נִיט הָאבְּן קֵיין כְּרִיתוּת בְּרִית. דֶער אוֹיפְטוּ פוּן דֶעם כְּרִיתוּת בְּרִית אִיז אַז דִי אַהֲבָה זָאל זַיְין אַלֶע מָאל, ווָארוּם דָאס אִיז נִיט קֵיין אַהֲבָה שֶׁעַל פִּי טַעַם וְדַעַת (אַן אַהֲבָה הַתְּלוּיָה בְּדָבָר, וּבְמֵילָא אִיז בְּשַׁעַת בָּטֵל דָּבָר, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז נִיטָא קֵיין טַעַם אוֹיף אַהֲבָה, בְּטֵלָה אַהֲבָה), נָאר אַן אַהֲבָה עַצְמִית בְּלִי גְבוּל.

אִין דֶער צַיְיט פוּן כְּרִיתוּת בְּרִית

---

1. *Bereishis,* ch. 15,

**2. *Bereishis Rabbah* 44:17.**

**3. *Bereishis* 15:12.**

4. In his characteristic style, the Rebbe does not mention negative qualities.

5. See *Avos* 5:16.

**love** between the two parties, **which does not depend on external factors, is revealed.** The parties **establish a covenant to ensure that** their **love will** continue to **exist at all times, regardless of** any **change in the** prevailing **circumstances and situations.**

**This raises a question: Why** then **was exile mentioned** precisely **at the time of the *Bris Bein HaBesarim*? Exile represents the opposite of love** – it is the diametric opposite of **even love based on reason and understanding, and certainly essential love. If essential love was expressed at that moment, why would exile be brought up at the same time?**

**One might initially provide an answer based on the teaching of our Sages[6] that "Avraham our forefather chose subjugation by earthly kingdoms** [i.e., exile] **rather than *Gehinom*** (**'purgatory'**)**." According to this explanation, exile is** actually **beneficial; therefore, it was** appropriate to **mention it at the time when the love was revealed.**

**However, this answer is insufficient. Since** this was a time **when love – particularly, essential love – was revealed, there should be no mention of,** or implied references to, **any** negative factors **whatsoever, neither *Gehinom* nor subjugation by earthly kingdoms.**

לַייכְט דִי אַהֲבָה עַצְמִית שֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְּדָבָר, בְּגִילוּי. מַאכְט מֶען דֶעמָאלְט דֶעם כְּרִיתוּת בְּרִית, עֶס זָאל זַיין אַן אַהֲבָה אַלֶע מָאל, נִיט רֶעכֶענֶענְדִיק זִיךְ מִיט שִׁינּוּי מַעֲמָד וּמַצָּב.

לוֹיט דֶעם אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, ווִי קוּמְט עֶס אַז בְּשַׁעַת דֶעם בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים הָאט מֶען דֶעמָאלְט אָנְגֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם עִנְיָן הַגָּלוּת? גָּלוּת אִיז אַן הֵיפֶךְ פוּן אַהֲבָה, אֲפִילוּ פוּן אַהֲבָה שֶׁעַל פִּי טַעַם וָדַעַת, וּמִכָּל שֶׁכֵּן פוּן אַן אַהֲבָה עַצְמִית, הַיְינְט בְּשַׁעַת עֶס לַייכְט דִי אַהֲבָה עַצְמִית, ווִי קוּמְט עֶס אַז דֶעמָאלְט זָאל מֶען רֵיידְן ווֶעגְן גָּלוּת?

אִין פְּלוּג הָאט מֶען עֶס גֶעקֶענְט פַארֶענְטְפֶערְן, לוֹיט דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל[ו] אַז בָּחַר אַבְרָהָם אָבִינוּ שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת כְּנֶגֶד גֵּיהִנֹּם, ווָאס לוֹיט דֶעם אִיז דֶער גָּלוּת אַ טוֹבָה, וּבְמֵילָא הָאט מֶען ווֶעגְן דֶעם גֶערֶעדט בְּשַׁעַת גִּילּוּי הָאַהֲבָה.

אָבֶּער דֶער תֵּירוּץ אִיז נִיט גֶענוּג, ווָארוּם ווִיבַּאלְד אַז מֶען הַאלְט בַּיי גִּילּוּי הָאַהֲבָה, וּבִפְרַט גִּילּוּי אַהֲבָה עַצְמִית, דַארְף זִיךְ נִיט רֵיידְן כְּלָל נִיט ווֶעגְן גֵּיהִנֹּם אוּן נִיט ווֶעגְן שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת.

## The Inner Motif Leading to Exile

**2. The** nature of this paradox **can be clarified according to the explanation in *Chassidus* regarding the inner dimension of exile. Doing so also resolves a difficult passage in *nigleh*, the revealed, primarily legalistic dimension of the Torah,** found **in the Talmud and the Midrash.**

**The Talmud[7] discusses the position of the**

ב. נָאר מֶען ווֶעט עֶס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דֶעם ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת דֶער פְּנִימִיּוּת עִנְיַן הַגָּלוּת, ווָאס דֶערְמִיט ווֶעט אוֹיךְ ווֶערְן רֶעכְט אַ שְׁווֶערֶער עִנְיָן עַל פִּי נִגְלֶה אִין גְּמָרָא וּמִדְרָשׁ.

אִין גְּמָרָא[ז] שְׁטֵייט ווֶעגְן דֶעם מַעֲמַד

6. *Bereishis Rabbah* 44:21.

7. *Yoma* 54a-b; *Bava Basra* 99a.

***keruvim*** **(cherubic figures)** positioned on the cover of the Ark in the *Beis HaMikdash*, **explaining that during a time of Divine favor, when the Jewish people would fulfill G-d's will, the *keruvim* would be positioned "face to face,"[8] "like a man and woman** in [intimate] embrace."[9] **When they would not fulfill G-d's will** – and, thus, **it was not a time of Divine favor – the position of the *keruvim* would be reversed.**

**The Midrash[10] states that when the** invaders **entered the Holy of Holies, they saw the *keruvim* positioned face to face "like a man and woman** in [intimate] embrace," **and they spread** the report of **this throughout all the nations, saying, "See what this people worships!"**

**The question then arises: Why were the *keruvim* positioned face to face at the time of the destruction?** Certainly, **this was the opposite of a time of Divine favor.** Seemingly, then, their faces should have been turned away from each other.

*Chassidus*[11] **explains the inner dimension of exile through an analogy of** the manner in which **a teacher conveys knowledge to a student: When a teacher is imparting knowledge to his student, his attention is focused on the student.** However, if **during the process of teaching, a new idea, a flash** of insight, **suddenly occurs in the teacher's mind, then, according to the natural intellectual process, he must focus on this new idea. If he does not immediately attend to this flash** of insight, **it will fade** from his consciousness. No matter how great his **later efforts,** he **will not be able to recover it.**

**Therefore, due to the profound depth of the teacher's love for his student, he desires** that, **after** taking the necessary **time** to assimilate this new

הַכְּרוּבִים, אַז אִין אַ זְמַן פוּן עֵת רָצוֹן, וּבִזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם, אִיז גֶעוֶוען דֶער מַעֲמַד הַכְּרוּבִים פְּנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו, כְּמַעַר אִישׁ וְלוֹיוֹת[יד], וּבִזְמַן שֶׁאֵין עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם, וָואס דֶעמָאלְט אִיז נִיט קֵיין עֵת רָצוֹן, אִיז דֶער מַעֲמַד הַכְּרוּבִים פַארְקֶערְט.

אִין מִדְרָשׁ[טו] שְׁטֵייט אַז בְּשַׁעַת דִי גוֹיִם זַיְינֶען אַרַיְין אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען דִי כְּרוּבִים וִוי זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען פְּנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו כְּמַעַר אִישׁ וְלוֹיוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס פַאנַאנְדֶערְגֶעשִׁיקְט צְוִוישְׁן אַלֶע פֶעלְקֶער - רְאוּ לְמָה אֻמָּה זוֹ עוֹבֶדֶת.

אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָא, דֶער זְמַן הַחוּרְבָּן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ הֵיפֶּךְ פוּן עֵת רָצוֹן, אִיז וִוי קוּמְט עֶס אַז דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער מַעֲמַד הַכְּרוּבִים פְּנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו?

אִין חֲסִידוּת וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט דִי פְּנִימִיּוּת הָעִנְיָן פוּן גָלוּת מִיט אַ מָשָׁל פוּן הַשְׁפָּעַת הָרַב לְתַלְמִיד:

בְּשַׁעַת אַ רַב אִיז מַשְׁפִּיעַ שֵׂכֶל לְתַלְמִידוֹ, אִיז עֶר צוּגֶעטְרָאגְן מִיט אַ שִׂימַת לֵב צוּ דֶעם תַּלְמִיד. בְּשַׁעַת אַז אִינְמִיטְן דֶער הַשְׁפָּעָה פַאלְט אַרַיְין דֶעם רַב אִין זַיְין שֵׂכֶל אַ נַיְיעֶר עִנְיָן, אִיז מִצַּד דֶעם סֵדֶר אוּן טֶבַע פוּן הַבְרָקַת הַשֵּׂכֶל מוּז מֶען זִיךְ צוּטְרָאגְן צוּ דֶער הַבְרָקָה, אוּן אוֹיב מֶען טְרָאגְט זִיךְ נִיט צוּ בַּאלְד צוּ דֶער הַבְרָקָה וֶוערְט זִי נִתְעַלֵּם, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן נִיט הֶעלְפְן קֵיינֶע יְגִיעוֹת. אִיז מִצַּד עוֹצֶם פְּנִימִיּוּת אַהֲבָתוֹ שֶׁל הָרַב לְהַתַּלְמִיד, ווִיל עֶר זִיךְ צוּטְרָאגְן צוּ דֶער הַבְרָקָה

8. *Shmos* 25:20, 37:9.

**9. *I Melachim* 7:36.**

**10. *Pesichasa, Eichah Rabbah,* sec. 9.**

11. The *maamar* entitled *Issa bePesikasa* by Reb Hillel of Paritch.

בִּכְדֵי עֶר זָאל אִיר קֶענֶען נֶעמֶען אוּן אַחֲרֵי מֶשֶׁךְ זְמַן זִי אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיךְ צוּ זַיְין תַּלְמִיד.

בְּשַׁעַת אַז דֶער רַב אִיז מֵשִׂים לֵב צוּ דֶער הַבְרָקַת שֵׂכֶל הֶחָדָשׁ, אִיז וָואס מֶער עֶר אִיז צוּגֶעטְרָאגְן צוּם נַיְיעֶם שֵׂכֶל, אַלְץ שְׁוָואכֶער וֶוערְט דֶער שִׂימַת לֵב צוּם תַּלְמִיד אוּן אַלְץ שְׁוָואכֶער אִיז דִי הַשְׁפָּעָה.

וָואס דֶער נַיְיעֶר שֵׂכֶל אִיז אַ הֶעכֶערֶער אוּן אַ טִיפֶערֶער - אַלְץ מֶער דַארְף זַיְין דֶער צוּטְרָאג צוּ אִים, וּבְמֵילָא וֶוערְט אַלְץ מֶערֶער דֶער אָפְּטְרָאג פוּן דֶעם תַּלְמִיד בְּשָׁעָה זוֹ, בִּיז אַז בַּיי דֶעם תַּלְמִיד וֶוערְט אַן עִנְיָן פוּן גָּלוּת אוּן חוּרְבָּן.

דָאס אִיז אָבֶּער מֶער נִיט וִוי אִין חִיצוֹנִיּוּת, אָבֶּער אִין פְּנִימִיּוּת הָעִנְיָן אִיז דָאךְ דָאס דֶער תַּכְלִית הַגִּילּוּי, וְאַדְּרַבָּה, פוּן דֶעם אַלֵיין וָואס עֶס לוֹינְט דֶעם רַב צוּלִיב טוֹבַת הַתַּלְמִיד אָפְּטְרָאגְן זִיךְ פוּן דֶעם תַּלְמִיד צוּלִיב מְקַבֵּל זַיְין דֶעם שֵׂכֶל הֶחָדָשׁ, דָאס אַלֵיין וַוייְזְט וִוי גְרוֹיס אִיז דֶער יוֹקֶר פוּן דֶעם נַיְיעֶם שֵׂכֶל, בִּיז אַז עֶס אִיז כְּדַאי אַז אוֹיף אַ וַויילֶע זָאל וֶוערְן בַּיי דֶעם תַּלְמִיד אַן עִנְיָן פוּן גָּלוּת וְחוּרְבָּן, אַבִּי אַז סוֹף כָּל סוֹף זָאל מֶען קֶענֶען מְגַלֶּה זַיְין דֶעם תַּלְמִיד דֶעם נַיְיעֶם שֵׂכֶל.

קוּמְט אוֹיס, אַז וָואס דֶער הֶעְלֵם אִיז גְרֶעסֶער, אִיז דָאס גּוּפָא אַ בַּאווַייז אוֹיף דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶעם גִּילּוּי, אַז דֶער שֵׂכֶל הֶחָדָשׁ אִיז יָקָר בְּיוֹתֵר, וּמִצַּד גּוֹדֶל אַהֲבָתוֹ לְהַתַּלְמִיד וָואס עֶר ווִיל אִים מְגַלֶּה זַיְין דֶעם נַיְיעֶם שֵׂכֶל, אִיז כְּדַאי אַז לְשָׁעָה זָאל זַיְין אַ הֶעְלֵם וְסִילּוּק, אַבִּי אַז סוֹף כָּל סוֹף זָאל צוּ אִים אָנְקוּמֶען דֶער נַיְיעֶר שֵׂכֶל.

insight, he will be able to **transmit it to his student as well.** Therefore, **he focuses** intensely **on the new insight so that he will be able to comprehend it** in its fullness.

**While the teacher is focusing on this new flash of insight,** he becomes deeply engrossed in it. At this time, **the more he becomes absorbed it, the weaker the attention** he pays **to the student.** During his absorption in the new idea, the teacher's **transmission of knowledge to** the student progressively **falters.**

**The richer and more profound the new insight is, the more the teacher must focus on it. Consequently, at that moment, there is a great** necessity for the teacher to temporarily **withdraw from the student. This causes the student to experience** a sense of **exile and devastation;** he may even feel that the relationship he shared with his teacher no longer exists.

**This, however, reflects only the external dimension** of the relationship. **From an inner perspective,** this apparent withdrawal **is actually** the beginning of **the ultimate revelation.** In due course, the student will realize the inner dynamic involved. **The very fact that the teacher** feels that, **for the benefit of his student, it is advisable for him to** temporarily **withdraw from the student so that he can receive** and internalize **this new insight itself demonstrates how precious the new knowledge is. It is so valuable that it is worthwhile for the student to experience a temporary state of exile and devastation, so that ultimately the teacher will be able to impart this new insight to him.**

**It follows that the depth of the concealment** the student experiences **demonstrates the awesomeness of the revelation – how exceedingly precious the new insight is. Because of his great love for his student** and **his desire to reveal this insight to him,** the teacher thinks that **it is advantageous** for the student **to temporarily** feel **concealment and withdrawal, so that ultimately this new insight will be imparted** to him.

**Based on this analogy, we can understand the inner dimension of exile: Although outwardly,** the result **appears to be exile and devastation, inwardly,** the exile **represents** the initial stages of **the ultimate revelation – the revelation of the Future Redemption. The revelation of the Future Redemption** will be so great that **it is worth** enduring what **outwardly** appears **temporarily as exile and devastation in order to ultimately reach the revelation of the Future Redemption.**

לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען פַאְרשְׁטֵיין דִי פְּנִימִיּוּת עִנְיַן הַגָּלוּת, אַז הֲגַם אַז אִין חִיצוֹנִיּוּת אִיז עֶס אַ גָלוּת וְחוּרְבָּן, אָבֶער אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָאס תַּכְלִית הַגִּילוּי בְּיוֹתֵר, דֶער גִילוּי פוּן דֶער גְאוּלָּה הָעֲתִידָה, וּמִצַד דֶעם גִילוּי פוּן דֶער גְאוּלָּה הָעֲתִידָה אִיז כְּדַאי אַז לְשָׁעָה זָאל זַיְין אַ גָלוּת וְחוּרְבָּן בְּחִיצוֹנִיּוּת, אַבִּי אַז סוֹף כָּל סוֹף זָאל אָנְקוּמֶען דֶער גִילוּי פוּן דֶער גְאוּלָּה הָעֲתִידָה.

## The Enigma of Exile

**3. Proof that, inwardly,** the exile is a phase in the sequence leading to[12] **the revelation of light can also be seen from the pattern of the exile. Looking at the stages within the exile, we see that the exile is not merely** intended to **atone for sins, transgressions, and iniquities, but that** the pattern reflects **a profound inner dimension.**

ג. אַ הֶכְרֵח אוֹיף דֶעם אַז אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָאס אַ גִילוּי אוֹר, אִיז אוֹיךְ פוּן דֶעם סֵדֶר הַגָּלוּת. קוּקְנְדִיק אוֹיפְן סֵדֶר הַגָּלוּת, זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז נִיט נָאר אַן עִנְיָן פוּן כַּפָּרָה אוֹיף חֲטָאִים עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, נָאר דָא אִיז פַארַאן אוֹיךְ אַן עִנְיָן פְּנִימִי.

**If the entire concept of exile were nothing more than atonement for sins, transgressions, and iniquities, then the sequence should be that as time proceeds, the exile becomes lighter. For with each phase of exile, atonement is granted for a portion of the sins, transgressions, and iniquities. Consequently, the exile should become progressively milder.**

אוֹיב דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן גלות וָואלְט גֶעווֶען מֶער נִיט ווִי אַ כַּפָּרָה אוֹיף חֲטָאִים עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, דֶעמָאלְט הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין דֶער סֵדֶר אַז פוּן צַיְיט צוּ צַיְיט זָאל דֶער גָלוּת ווֶערְן קְלֶענֶער, ווָארוּם מִיט יֶעדֶער שְׁטִיקְל צַיְיט אִין גָלוּת ווֶערְט דָאךְ נִתְכַּפֵּר אַ טֵייל פוּן חֲטָאִים עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וּבְמֵילָא אִיז ווָאס ווַיְיטֶער דַארְף דֶער גָלוּת ווֶערְן קְלֶענֶער.

However, **in practice, we see that as time goes on, the exile becomes** increasingly **more severe. We see this both in the Egyptian exile and in our current exile.**

לְפוֹעֵל זֶעט מֶען אַז ווָאס ווַיְיטֶער ווֶערְט דֶער גָלוּת אַלְץ גְרֶעסֶער. דָאס זֶעען מִיר סַיי בַּיי גָלוּת מִצְרַיִם אוּן סַיי בַּיי דֶעם אִיצְטֶערְדִיקְן גָלוּת.

**Regarding the Egyptian exile: The Jews were in Egypt for two hundred and ten years.**

גָלוּת מִצְרַיִם: אִין מִצְרַיִם זַיְינֶען דִי אִידְן גֶעווֶען צְווֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען יָאר.

---

12. The interpolated words reflect the perspective of the student – the Jewish people. Although ultimately, the exile will lead to the revelation of a greater light, that is a process that will be revealed over time. In the midst of the process, what is felt is exile. However, from the perspective of Divine revelation, the exile reflects how the light of the Ultimate Future has already been revealed Above and is in the process of being assimilated and descending through the chainlike order of existence (*Seder HaHishtalshelus*). This concept is reflected in our Sages' statement (*Talmud Yerushalmi, Berachos 2:4; Eichah Rabbah 1:51*) that *Mashiach* was born on the day of the destruction of the *Beis HaMikdash*.

During **the first seventeen years,** while Yaakov was alive, the circumstances in which the Jewish people lived **were very positive.** Moreover, **even after Yaakov's passing, as long as his sons were alive,** the Jews **were not enslaved. Even after the death of his sons, the primary bitterness of the exile began** only **when Miriam was born**[13] – comprising merely **the last 86 years (86 is the numerical equivalent of *Elokim,*** the name of G-d associated with judgment). **Within those 86 years themselves,** Pharaoh's **decree that "straw [would] not [be] given to your servants,"**[14] which involved an intensification of the Jews' servitude, **occurred at the very end, when it was already very close to the redemption,** as Moshe stated, **"Since I came to Pharaoh... he has harmed this people."**[15]

**Similarly, in our current exile, we see that as time progresses, the exile has become increasingly harsh, and the revelation of G-dliness is continually decreasing. At the beginning of the exile, there was revelation through the *Tannaim*, then the *Amoraim*.** As time **went on, the concealment became greater and greater, until in recent generations** – referred to as ***ikv'sa d'Meshicha*** ("the footsteps of *Mashiach*") **– there is almost no revelation at all. Therefore, it is called by the name *ikvasa*** **(literally, "heels"), for a heel is a limb that has no revealed vitality.** Thus, ***Avos d'Rabbi Nasan***[16] **refers** to **the heel as "the angel of death within man."**

**From this pattern, it is clear that** the purpose **of the exile is not merely to atone for transgressions, but that it also contains an inner,** positive **dimension. The inner dimension of exile is the revelation of a new** and loftier **light. Because of the focus** Above **on the revelation of this new light, the** regular **flow of** Divine **beneficence is** temporarily

דִי עֶרְשְׁטֶע זִיבֶּעצְן יָאר אִיז גֶעוֶוען גָאר גוּט, אוֹיךְ נָאךְ דֶער פְּטִירָה פוּן יַעֲקֹב'ן, אִיז כָּל זְמַן דִי שְׁבָטִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין שִׁעְבּוּד, אוֹיךְ נָאךְ מִיתַת הַשְּׁבָטִים, הָאט זִיךְ דֶער עִיקַר גָלוּת הַמַּר אָנְגֶעפַאנְגֶען כְּשֶׁנּוֹלְדָה מִרְיָם[טז], דִי לֶעצְטֶע זֶעקְס אוּן אַכְצִיק יָאר, פ"ו בְּגִימַטְרִיָּא אֱלֹקִים, אוּן אִין דִי זֶעקְס אוּן אַכְצִיק יָאר גוּפָא אִיז דִי גְזֵירָה פוּן תֶּבֶן אֵין נִתָּן לַעֲבָדֶיךָ[יז] גֶעוֶוען גָאר צוּם סוֹף, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן גָאר נָאעֶנְט צוּ דֶער גְאוּלָּה - וּמֵאָז בָּאתִי אֶל פַּרְעֹה וגו' הֵרַע לָעָם הַזֶּה[יח].

אַזוֹי אוֹיךְ אִין אִיצְטֶערְדִיקְן גָלוּת זֶעט מֶען אַז וָואס וַויְיטֶער וֶוערְט דֶער גָלוּת אַלְץ שְׁטַארְקֶער, אוּן עֶס וֶוערְט ווִינְצִיקֶער גִילוּי אֱלֹקוּת. בְּהַתְחָלַת הַגָּלוּת אִיז גֶעוֶוען דֶער גִילוּי עַל יְדֵי הַתַּנָּאִים, דֶערְנָאךְ דִי אָמוֹרָאִים, אוּן וָואס וַויְיטֶער וֶוערְט דֶער הֶעְלֵם אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז אַז בְּדוֹרוֹת הָאַחֲרוֹנִים דְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא אִיז כִּמְעַט ווִי גָאר קֵיין גִילוּי נִיטָא, וָואס דֶערְפַאר הֵייסְט עֶס מִיטְן נָאמֶען עִקְבַיִים, וָואס אַן עָקֵב אִיז אַן אֵבֶר וָואס אִין אִים אִיז נִיטָא קֵיין חַיּוּת (בְּגִילוּי), ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן[יט] אַז דֶער עָקֵב אִיז דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת שֶׁבְּאָדָם.

פוּן דֶעם סֵדֶר אִיז מוּבָן אַז דֶער גָלוּת אִיז נִיט נָאר אַ כַּפָּרָה אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, נָאר אִין אִים אִיז אוֹיךְ דָא אַן עִנְיָן פְּנִימִי. דֶער פְּנִימִיּוּת עִנְיַן הַגָּלוּת אִיז - גִילוּי אוֹר חָדָשׁ, וּמִצַּד דֶעם צוּטְרָאג צוּם גִילוּי אוֹר הֶחָדָשׁ וֶוערְט

13. ***Shir HaShirim Rabbah,*** **ch. 2,** commenting **on the verse** (in *Shir HaShirim* 2:11), **"The winter has passed";** ***Pesikta Rabasi, piska*** 15:11.

14. *Shmos* **5:16.**

15. **Ibid. 5:23.**

16. *Avos d'Rabbi Nasan,* **the end of ch. 31.**

interrupted and **withdrawn. Therefore,** as time **proceeds and the focus** Above **on the Future Redemption grows, we draw closer to *Mashiach*, and the exile becomes more intense,** as will be explained.

דֶער אָפְּטְרָאג פוּן דֶער הַשְׁפָּעָה, אוּן דֶערְפַאר, אִיז וָואס וַוייטֶער, וָואס עֶס וֶוערְט מֶערֶער דֶער צוּטְרָאג צוּ דֶער גְאוּלָה הָעֲתִידָה, וָואס נֶענְטֶער צוּ מָשִׁיחַ'ן, וֶוערְט דֶער גָלוּת אַלְץ שְׁטַארְקֶער.

## Where the Inner Intent is Manifest

**4. Based on this, we can understand the statement of the Midrash – that when the** invaders **entered the Holy of Holies, they saw the *keruvim* positioned** face to face **"like a man and woman** in [intimate] embrace." **The entire concept of exile exists only externally, as manifest** as a result of **the chainlike, downward progression of existence. However,** from the standpoint of **the inner** motivation, it is part of a process[12] leading to **the ultimate revelation. Therefore, in the Holy of Holies – the place** where **the inner** purpose was manifest – **the *keruvim* faced each other at that time, since from the standpoint of the inner** purpose, **it was a time** of Divine **favor, as previously noted.**

**This is also the reason the exile was mentioned at *Bris Bein HaBesarim*. From an inner standpoint, the exile** solely **represents** a phase leading to **the ultimate revelation. At the *Bris Bein HaBesarim*, when the essential love** between G-d and the Jewish people **was shining,** the process leading to **the revelation of the Future Redemption was announced. However, as this** ultimate state **was drawn down** through **the chainlike, downward progression of existence** linking the spiritual to the material, this stage of the process **took the form of exile.**

ד. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ אַז בְּשַׁעַת דִי גוֹיִים זַיְינֶען אַרַיְין אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען דִי כְּרוּבִים כְּמַעַר אִישׁ וְלוֹיוֹת, וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער עִנְיַן הַגָּלוּת אִיז דָאס נָאר בְּחִיצוֹנִיּוּת אִין סֵדֶר הִשְׁתַּלְשְׁלוּת, אָבֶּער וִוי דָאס אִיז אִין פְּנִימִיּוּת, אִיז דָאס תַּכְלִית הַגִּילוּי. דֶערְפַאר אִיז אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים, דֶער אָרְט פוּן פְּנִימִיּוּת, דָארְטְן אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דֶער מַעֲמַד הַכְּרוּבִים פְּנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו, אִין פְּנִימִיּוּת אִיז עֶס אַן עֵת רָצוֹן כַּנַּ"ל.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם אַז בְּשַׁעַת בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים הָאט זִיךְ גֶערֶעדט וֶועגְן גָלוּת, וָוארוּם אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן תַּכְלִית הַגִּילוּי. בְּשַׁעַת בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים, בְּשַׁעַת עֶס הָאט מֵאִיר גֶעוֶוען דִי אַהֲבָה עַצְמִית, אִיז גֶעוֶוען דִי בְּשׂוּרָה אוֹיף דִי גִילוּיִים פוּן דֶער גְאוּלָה הָעֲתִידָה, נָאר וִוי דָאס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין סֵדֶר הַהִשְׁתַּלְשְׁלוּת, אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן גָלוּת.

## Catalysts for Change

5. The above leads to a **directive** that **our Divine service is not to be affected by the darkness of exile.** True, as time **progresses, the exile becomes increasingly severe, to the point where**

ה. דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם אִין עֲבוֹדָה אִיז:

נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיפְן חֹשֶׁךְ הַגָּלוּת, אַז וָואס וַוייטֶער וֶוערְט דֶער גָלוּת

אַלְץ שְׁטַארְקֶער בִּיז אַז הַמַּלְכוּת תֵּהָפֵךְ לְמִינוּת[ב], ווָאס עֶס אִיז נָאךְ קֵיין מָאל נִיט גֶעווֶען אַזַא חֹשֶׁךְ, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן דַארְף מֶען נִיט נִתְפָּעֵל ווֶערְן, ווִיסְנְדִיק אַז דָאס ווָאס דֶער חֹשֶׁךְ אִיז גְרֶעסֶער אִיז דָאס מִצַּד דֶעם ווָאס מֶען ווֶערְט נֶענְטֶער צוּם אוֹר הַגְּאוּלָּה.

אוּן בִּכְדֵי אַרָאפְּטְרָאגְן דֶעם אוֹר הַגְּאוּלָּה בְּפוֹעֵל דָא לְמַטָּה צוּם מְקַבֵּל, פָאדֶערְט זִיךְ בַּיי דֶעם תַּלְמִיד צְווֵיי עִנְיָנִים: א) דִי יְדִיעָה, עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער הֶעְלֵם וְסִילּוּק אִיז דָאס נָאר אִין חִיצוֹנִיּוּת, אָבֶער אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָאס תַּכְלִית הַגִּילּוּי. ב) דִי הִתְקַשְּׁרוּת וְצִמָּאוֹן צוּם רַב, אַז נִיט קוּקְנְדִיק ווָאס אִין חִיצוֹנִיּוּת הָאט זִיךְ דֶער רַב אָפְּגֶעטְרָאגְן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן דַארְף דֶער תַּלְמִיד שְׁטֵיין מִיט אַ הִתְקַשְּׁרוּת וְצִמָּאוֹן צוּם רַב, אַזוֹי ווִי בִּשְׁעַת הַהַשְׁפָּעָה, אוּן נָאךְ מֶערֶער. ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן בִּשְׁעַת דְּבֵיקוּתוֹ: "מִי לִי בַשָּׁמַיִם גו' אִיךְ ווִיל זֶע גָאר נִיסְט אִיךְ ווִיל נִיט דַיְין גַּן עֵדֶן אִיךְ ווִיל נִיט דַיְין עוֹלָם הַבָּא כו' אִיךְ ווִיל מֶער נִיט אַז דִיךְ אַלֵיין"[כא], ווָאס דוּרְךְ דֶעם צִמָּאוֹן ווֶערְט דֶער גִּילּוּי אוֹר הֶחָדָשׁ צוּם מְקַבֵּל, אִין דֶער גְּאוּלָּה הָעֲתִידָה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

(משיחת ש"פ מטו"מ, תשט"ז)

"the government will be transformed into heresy,"[17] bringing about **a darkness unlike any experienced previously. Nevertheless, one should not be discouraged, knowing that the reason the darkness is greater is that we are drawing closer to the light of redemption.**

**To actually draw the light of redemption to** the Jewish people – in the above analogy, **the student – two things are required here, on this material plane:**

**a) Knowledge – the realization that the concealment and withdrawal are only external, but inwardly, it represents** a process leading to[12] **the ultimate revelation.**

**b) Connection to, and yearning for, the Teacher** – to refer back to the student-teacher relationship mentioned in sec. 2, **regardless of the teacher's apparent withdrawal, the student must maintain a connection and yearning for him.** This desire for connection should be **just** as powerful **as during the time** the teacher was **actively** focused on **teaching, and even more so.**

It should reflect the yearning manifested by **the Alter Rebbe during his *deveikus* (state of intense clinging to G-d)**, when he **would say,**[18] **"Whom do I have in heaven** but You?![19]**... I want nothing at all, I don't want Your *Gan Eden*,**[20] **I don't want Your World to Come... I want nothing other than You alone." Through this yearning, the revelation of the new light will be drawn down** to the Jewish people, **with the Future Redemption; may it come speedily in our days.**

---

17. *Sotah* 49b.

18. Quoted by the *Tzemach Tzedek* in ***Derech Mitzvosecha, Shoresh Mitzvas HaTefilah*****, sec. 40.** p. 138.

**19. *Tehillim*** 73:25

20. The abode of the souls in the spiritual realms.

---

יא) בראשית טו, יב ובבראשית רבה פרשה מד, יז.
יב) בראשית רבה פרשה מד, כא.
יג) יומא נד, א. בבא בתרא צט, א.
יד) מלכים א ז, לו.
טו) פתיחתא דאיכה רבה ט. יומא נד, ב.
טז) שיר השירים רבה פרשה ב על הפסוק כי הנה הסתיו עבר. פסיקתא רבתי פ' טו, יא.
יז) שמות ה, טז.
יח) דאָרט כג.
יט) ענדע פרק לא.
כ) סוטה מט, ב.
כא) תהלים עג, כה. שורש מצות התפלה להצמח צדק פרק מ.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*